שלום-עליכם

קוואַס

א

פֿאַר איין רובל — הונדערט רובל! הונדערט רובל אַ מאָנאַט און מער קען פֿאַרדינען יעדער איינציקער, ווער עס וועט זיך באַקאַנען מיט אונדזער בוך, וואָס קאָסט אין גאַנצן איין רובל מיט פּאָרטאָ. לויפֿט, קויפֿט! סטאָפּט, כאַפּט — איר וועט פֿאַרשפּעטיקן!

אָט אַזאַ מין זאַך האָט אויסגעלייענט ערגעץ אויף די בלעטער מײַן ברודער אליהו. באַלד ווי ער האָט נאָר זיך דערוואוסט, אַז ס'איז דאָ אַזאַ בוך אויף דער וועלט, אַזוי האָט ער אָוועקגעשיקט אויף דער פּאָסט אַ קערבל (דאָס לעצטע קערבל) און האָט אָנגעזאָגט דער מאַמען זי זאָל ניט זאָרגן מער.

— מאַמע! דאַנקען גאָט, מיר זײַנען געהאָלפֿן.

— וואָס איז דען? — פֿרעגט די מאַמע. — האָסט געקראָגן אַ שטעל?

— נאָך בעסער פֿון אַ שטעל, — ענטפֿערט איר מײַן ברודער אליהו, און די אויגן בײַ אים לײַכטן, אַ פּנים פֿון גרויס שמחה. ער הייסט איר וואַרטן נאָך עטלעכע טעג, ביז דאָס בוך וועט אים אָנקומען.

ב

שאַט, שוין דאָ אַ בוך! מיר האָבן דאָס נאָר אויסגעפּאַקט, האָט מיין ברודער אליהו זיך אַוועקגעזעצט לייענען דאָס בוך. ווייַ-ווייַ, וואָס ער האָט דאָרט אויסגעלייענט! אַ רעצעפּט אויף צו פֿאַרדינען הונדערט רובל אַ חודש דורך מאַכן די בעסטע טינטן. אַ רעצעפּט אויף צו פֿאַרדינען הונדערט רובל אַ חודש דורך מאַכן גוטע שוואַרצע שוכוואַקס. אַ רעצעפּט אויף צו פֿאַרדינען הונדערט רובל אַ חודש דורך אַרויס-טרײַבן מײַז. אַ רעצעפּט אויף צו פֿאַרדינען הונדערט רובל אַ חודש און מער דורך מאַכן ליקערן, זיסע בראָנפֿנס, לימאָנאַד, סאָדע-וואַסער, קוואַס און אַנדערע נאָך מער ביליקע געטראַנקען.

מײַן ברודער אליהו האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפֿן לעצטן רע-

צעפּט, אויף קוואַס! קוואַס איז אַזאַ מין געטראַנק, וואָס קאָסט וואָלוול און עס גייט אַ סך. בפֿרט נאָך אין אַזאַ הייסן זומער ווי היינט.

מיין ברודער אליהו לאָזט קיינעם ניט צו, בשעת ער מאַכט דעם קוואַס. אַז ער גיסט וואַסער, זעען אַלע. נאָר אַז ער האַלט אין רעכטן מאַכן, פֿאַרשליסט ער זיך אין דער מאַמעס אַלקער. ניט איך, ניט די מאַמע, קיינער טאָר ניט זיין דערביי. נאָר אויב איר זאָגט מיר צו, אַז ס'וועט זיין אַ סוד, קאָן איך אייך זאָגן, וואָס אין דעם געטראַנק געפֿינט זיך. איך ווייס דאָך, וואָס ער גרייט צו. דאָרטן געפֿינט זיך שאָלעכץ פֿון לימענע, שיטערע האָניק און דאָס איבעריקע — וואַסער. וואַסער איז דאָרטן דאָ מער פֿון אַלצדינג. וואָס מער וואַסער — מער קוואַס. דאָס אַלץ ווערט גוט אויסגעמישט מיט אַ שטעקן (אַזוי שטייט געשריבן אין בוך), און דאָס געטראַנק איז פֿאַרטיק. נאָך דעם ווערט עס אַריינגעגאָסן אין אַ גרויסן קרוג און מע וואַרפֿט אַריין אַהין אַ שטיק אייז. אָן אייז טויג דאָס גאַנצע געטראַנק ניט! דאָס זאָג איך אייך ניט פֿונעם בוך, נאָר איך האָב איין מאָל אַליין פֿאַרזוכט אַ ביסל קוואַס אָן אייז, האָב איך געמיינט, אַז ס'איז אַן ענד פֿון מיין לעבן!

ג.

געמאַכט דאָס ערשטע פֿעסל קוואַס, איז געבליבן, אַז אַרומ־טראָגן פֿאַרקויפֿן אויף דער גאַס זאָל איך. ווער דען, אַז ניט איך? מיין ברודער אליהון פּאַסט ניט. ער איז דאָך שוין אַ באַווייבטער. דער מאַמען אוודאי ניט. מיר וועלן גאָרניט דערלאָזן, אַז די מאַמע זאָל אַרומגיין מיט אַ קרוג איבערן מאַרק און שרייען: „קוואַס! קוואַס! יידן, קוואַס!” איז געבליבן, אַז דאָס דאַרף זיין מיין אַרבעט. איך אַליין, האָב אויך אַזוי גערעכנט. איך האָב זיך מחיה געווען, אַז איך האָב דערהערט די נייעס. מיין ברודער אליהו האָט גענומען מיך לערנען, ווי אַזוי איך זאָל טאָן. דעם קרוג זאָל איך האַלטן אין איין האַנט, און כּדי דער עולם זאָל זיך אָפּשטעלן, זאָל איך זינגען הויך, און מיט אַ ניגון אָט אַזוי:

יידן, אַ געטראַנק!
אַ קאָפּיקע אַ גלאָז!
קאַלט און זיס —
אַ דערקוויקעניש!...

אַ קול האָב איך אַ שיינס, אַ סאָפּראַנאָ-שטים. איך האָב געגעבן אַ זינג אויס אויף אַ קול און האָב איבערגעדרייט אַלץ מיט די פּיס אַרויף:

זיסער קוואַס אַ גלאָז!
אַ קאָפּיקע אַ ייִד!
אַ קוויק און אַ קאַלט —
אַ דערטרינקעניש!...

איך ווייס ניט: צי מײַן געזאַנג איז אַזוי געפֿעלן געוואָרן? צי דאָס געטראַנק איז טאַקע געווען אַזוי גוט? צי אפֿשר, ווײַל דער טאָג איז געווען זייער אַ הייסער? איך האָב דעם ערשטן קרוג אויספֿאַרקויפֿט אין איין האַלבער שעה.

מײַן ברודער אליהו האָט אָפּגעגעבן דאָס געלט דער מאַמען, און מיר האָט ער באַלד אָנגעגאָסן אַ פֿרישן קרוג. ער האָט געזאָגט, אַז אויב איך וועל מיך קאָנען אויסדרייען אַזוי פֿינף-זעקס מאָל דורכן טאָג, וועלן מיר האָבן פֿאַרדינט פּונקט הונדערט רובל אַ חודש. דאָס געטראַנק קאָסט אונדז זייער וואָלוול, מע קען זאָגן כּמעט גאָרניט. דאָס גאַנצע געלט גייט אַוועק אויפֿן אַײַז.

נאָך מיר לויפֿן נאָך ייִנגלעך, זיי קרימען מיך איבער ווי איך זינג. איך הער זיי אָבער ווי דעם קאַטער. איך זע וואָס גיכער צו פֿאַרקויפֿן דעם קרוג און לויפֿן אַהיים נעמען נאָך אַ קרוג. וויפֿל איך האָב גע־מאַכט דעם ערשטן טאָג, ווייס איך אַליין ניט. איך ווייס נאָר, אַז מײַן ברודער אליהו מיט מײַן מאַמען האָבן מיך שטאַרק געלויבט.

פֿאַרן שלאָף בעט מיר אויס די מאַמע אויף דער ערד און פֿרעגט מיך, צי עס טוען מיר ניט ווי הלילה די פֿיס. מײַן ברודער אליהו לאַכט פֿון איר. ער זאָגט אויף מיר, אַז איך בין אַזאַ ייִנגל, וואָס מיר טוט קיין מאָל ניט וויי קיין זאַך.

— געוויס! — זאָג איך — אַ סימן אויב איר ווילט, גיי איך באַלד מיטן קרוג אין מיטן האַלבע נאַכט.

אַלע דרײַ צעלאַכן זיך. נאָר אויף דער מאַמעס אויגן זע איך טרערן. נו, דאָס איז דאָך אַן אַלטער כּלל — אַ מאַמע דאַרף וויינען! איך וואָלט וועלן וויסן: אַלע מאַמעס וויינען אַזוי שטענדיק, ווי מײַן מאַמע?

ד.

עס גייט אונדז קיין־עין־הרע דורך מיר און דורך מויער. איין טאָג איז הייסער פֿונעם אַנדערן. עס ברענט! מענטשן גייען אום פֿאַר היץ, קינדער פֿאַלן אַזוי ווי פֿליגן. ווען ניט דאָס גלעזעלע קוואַס, וואָלט מען פֿאַרברענט געוואָרן. איך קער מיך אום מיטן קרוג אפֿשר צען מאָל אַ טאָג!

מײַן ברודער אליהו קוקט אַרײַן אין פֿאַס אַרײַן מיט איין אויג און זאָגט, אַז עס טאָגט שוין. פֿאַלט ער אויף אַן עצה און גיסט צו נאָך אַ פּאָר עמער וואַסער. אויף דער עצה בין איך געפֿאַלן פֿריִער פֿון אים. איך מוז זיך מודה זײַן פֿאַר אײַך, אַז איך האָב אָפּגעטאָן אַ שפּיצל שוין עטלעכע מאָל.

כּמעט אַלע טאָג כאַפּ איך זיך אַרײַן צו אונדזער שכנה פּעסע און גיב איר פֿאַרזוכן אַ גלעזל פֿון אונדזער אייגענעם געטראַנק. איר מאַן, משה דער אײַנבינדער, גיב איך צוויי גלעזלעך; ער איז אַ גוטער מענטש. די קינדער אַלע גיב איך אויך צו גלעזלעך קוואַס. לאָזן זיי אויך וויסן, וואָס פֿאַר אַ געטראַנק מיר קאָנען מאַכן. אַלע מײַנע באַקאַנטע גיב איך קוואַס אומזיסט, אָן אַ קאָפּיקע געלט. און כּדי ס'זאָל ניט זײַן קיין שאָדן, דערגיס איך דעם קרוג מיט וואַסער. אויף איטלעכס גלעזל קוואַס, וואָס איך גיב אַוועק אומזיסט, דערגיס איך צוויי גלעזער וואַסער.

דאָס אייגענע טוט מען אין דער היים אויך. למשל, מײַן ברודער אליהו טרינקט אויס אַ גלעזל קוואַס, דערגיסט ער באַלד מיט וואַסער. די מאַמע פֿאַרזוכט אַ מאָל אַ גלעזל קוואַס (זי דאַרף מען בעטן. אַליין וועט זי ניט נעמען!), דערגיסט מען באַלד מיט וואַסער. עס גייט ניט פֿאַרלאָרן קיין טראָפּן! און מיר מאַכן קיין עין־הרע פֿײַן געלט. די מאַמע האָט זיך אָרומגעצאָלט מיט אַ סך חובֿות. אין שטוב האָט זיך באַוויזן אַ טישל, אַ בענקל. אויף שבת האָבן מיר פֿיש און פֿלייש און ווײַסע קוילעטשן. מיר האָט מען צוגעזאָגט אויף ימים־טובֿים אַ פּאָר שטיוועלעך נײַע. מיר דאַכט, אַז קיינעם איז ניט אַזוי גוט ווי מיר!

ח.

גייט זײַט אַ נבֿיא און טרעפֿט, אַז ס'וועט זיך טרעפֿן אַזאַ מין אומגליק און אונדזער געטראַנק וועט מער ניט טויגן. נאָך אַ גליק, וואָס מען האָט מיך ניט פֿאַרנומען אין פּאָליציי. הערט אַ מעשה! איין מאָל האָב איך פֿאַרבלאָנדזשעט מיטן קרוג קוואַס צו אונדזער שכנה פּעסע!

דער גאַנצער עולם האָט גענומען צו גלעזלעך קוואַס און איך אַליין אויך מיט זיי. אויסגערעכנט, אַז עס פֿעלט מיר אַ גלעזל צוועלף־דרײַצן געטראַנק, האָב איך מיך אַרײַנגעכאַפּט אין הויז, דאָרטן וואו דאָס וואַסער שטייט בײַ זיי. אַנשטאָט דעם פֿאַס מיט וואַסער האָב איך אַ פּנים געטראָפֿן צו דעם טאָפּ וואו מע וואַשט גרעט, און האָב אַרײַנגעגאָסן אַ פֿופֿצן־צוואַנציק גלעזער צו מיר אין קרוג אַרײַן און בין אַוועק אין גאַס אַרײַן מיט אַ נײַעם ניגון, וואָס איך אַליין האָב צוגעטראַכט:

יידן, אַ געטראַנק!
טעם גן־עדן!
אַזאַ יאָר אויף מיר,
אויף אײַך און אויף אונדז ביידן!

שטעלט מיך אָפּ אַ ייִד, באַצאָלט מיר אַ קאָפּיקע און ער הייסט זיך אָנגיסן אַ גלעזל קוואַס. ער טרינקט אויס די גאַנצע גלאָז און פֿאַרקרימט זיך.

— ייִנגעלע! וואָס איז דאָס בײַ דיר פֿאַר אַ געטראַנק?

עס שטייען נאָך צוויי ייִדן און וואַרטן, איך זאָל זיי שוין אָנגיסן. איינער זופּט אָפּ אַ האַלבע גלאָז, דער אַנדערער אַ דריטל. זיי באַצאָלן, שפּײַען אויס און גייען אַוועק. נאָך איינער טראָגט צו די גלאָז צו די ליפּן. ער פֿאַרזוכט און זאָגט, אַז עס שמעקט מיט זייף און ס׳איז דאַכט זיך געזאָלצן. נאָך איינער טוט אַ קוק אויפֿן גלאָז און גיט מיר אָפּ צוריק מיט די ווערטער:

— וואָס איז דאָס בײַ דיר?

— אַ געטראַנק, — זאָג איך.

— נו, אַ געטראַנק! — מאַכט ער צו מיר.

איינער גייט צו, פֿאַרזוכט. און טוט אַ גאָס אויס די גלאָז גלײַך מיר אין פּנים אַרײַן. אין אַ מינוט אַרום שטייט אַרום מיר אַ גאַנץ רעדל מיט ייִדן, ווײַבער און קינדער. אַלע רעדן, מאַכן מיט די הענט, קאַכן זיך. דערזעט אַ פּאָליציסט, אַז מען קלײַבט זיך, גייט ער צו און פֿרעגט, וואָס איז דאָ? דערציילט מען אים. גייט ער און קוקט אַרײַן צו מיר אין קרוג און הייסט זיך געבן פֿאַרזוכן. גיב איך אים אָן אַ גלעזל מיט קוואַס. דער פּאָליציסט טוט אַ טרונק אָפּ און שפּײַט אויס און ווערט זייער בייז.

— וואו האָסטו גענומען אַזאַ געטראַנק? — פֿרעגט ער מיך.

— דאָס איז פֿון אַ בוך, — זאָג איך אים, — מײַן ברודערס מלאכה, מײַן ברודער אַליין מאַכט דאָס.

— ווער איז דײַן ברודער? — פֿרעגט ער מיך.

— מײַן ברודער אליהו, — זאָג איך אים.

— וואָסער אליהו? — פֿרעגט ער מיך.

— רעד ניט, דו נאַרישער יאָלד, אויף דײַן ברודער! — זאָגן צו מיר עטלעכע ייִדן אַלע אויף אַ מאָל. עס ווערט אַ טומל. אַלע מינוט קומען צו נײַע מענטשן. דער פּאָליציסט האַלט מיך פֿאַר אַ האַנט און וויל אונדז אָפּפֿירן (מיך מיטן געטראַנק) גלײַך אין פּאָליציי אַרײַן. דער טומל ווערט גרעסער: „אַ יתום! נעבעך, אַ יתום!" — הער איך פֿון אַלע זײַטן. דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז איך האַלט שטאָל. איך קוק אויפֿן עולם, וואָס אַרום מיר: „ייִדן, האָט רחמנות!"... מע וויל אַרײַנרוקן דעם פּאָליציסט אַ מטבע. ער נעמט ניט. רופֿט זיך אָן צו מיר איינער אַן אַלטער ייִד אַ ביסל פֿאַרשטעלט:

— מאַטל! רײַס אַרויס דעם יד (יאַד) און הייב אויף די רגלים (ראַגלאַיִם) און מאַך פּליטה (פּלייטע)!

איך טו זיך אַ רײַס אַרויס, נעם די פֿיס אויף די פּלייצעס און מאַרש אַהיים! ניט טויט ניט לעבעדיק פֿאַל איך אַרײַן אין שטוב אַרײַן.

— וואו איז דער קרוג? — פֿרעגט מיך מײַן ברודער אליהו.

— אין פּאָליציי! — ענטפֿער איך אים און פֿאַל צו צו דער מאַמען מיט אַ געוויין.